פּראָפעסאָר אברהם־יהושע העשל

# ירושלים דליטא

פאַרוואָס האָט די שטאָט ווילנע פאַרדינט אַזאַ הייליקן נאָמען?

האָבן דאָרט געפינקלט באַצויבערנדיקע ליכטער דורך די פענצטער פון די פּרעכטיקע פּאַלאַצן פון מלכי ישראל? פון הויכע און ריזיקע בנינים פון יידישע מיניסטאָרן און זייער המון באַאַמטע? פון דער וואונדערלעכער געביידע פאַר די סנהדרין, פינאַנצירט פון די ראָטשילדס פון מכביאישע צייטן? איז דאָרט געשטאַנען דער הר הבית מיטן בית המקדש, וואָס די סודותדיקע הייליקייט פון כוהנים גדולים האָט געשטאַרקט און גערייניקט די געמיטער פון יידן אין דער גאָרער וועלט?

ניין, דער בית המקדש איז דאָרט ניט געווען. אָבער געווען צייטן ווען דער אומעט און ווי אויפן חורבן בית המקדש האָבן געבויט אַ בית המקדש ניט פון שטיינער נאָר פון יידישע טרערן און די שכינה איז אַרויס פון גלות און געפונען אַ היים אין די הערצער פון אַן עדה יידן.

קעניגלעכע פּאַלאַצן האָט מען דאָ אַפילו אין חלום ניט געזען. דאָ בויט מען פּאַלאַצן פון מוחות. דאָ באַצירט מען די היימען מיט בקיאות אין ש״ס צי אין דיקדוק. דאָ בויט מען וואונדערלעכע טורעמס פון חריפות מיט דער הילף פון אַן אַ שיעור שאַרפע קעפּ, וואָס קומען אַהער אָפּצופרישן דעם אָטעם אין די לאַבירינטן פון ש״ס בבלי.

קיין כוהנים גדולים זיינען דאָ נישטאָ. פאַראַן אָבער אָרעמע לייט וואָס זייערע נשמות און מידות טובות לייכטן אַזוי שיין ווי דער חושן ואפוד אויפן כהן גדול.

אַנדערע יידישע קהילות זיינען אויך געווען רייך אין שעפערישע פּערזענלעכקייטן — רבנים, ראשי־ישיבות, לומדים, מחברים, קינסטלער, חזנים, מגידים — און אינסטיטוציעס פילאַנטראָפּישע, פּאָליטישע און קולטורעלע, ישיבות און מאָדערנע לערן־אַנשטאַלטן. אָבער אַלץ צוזאַמען — אַזאַ בונטקייט, אַזאַ פאַרשיידנפאַרביקייט, אַזאַ פאַרנעם — אין דעם פּרט שטייגט ווילנע אַריבער אַלע אַנדערע קהילות.

ווילנע איז אַ וויגעלע אין וועלכער עס כאָוועט זיך גרויסאַרטיקע לומדים, ביטערע מתנגדים, שאַרפע משכילים. די שטאָט איז רייך אין אַזעלכע אויסנעמלעכע פּערזענלעכקייטן ווי למשל, ר׳ משה (דער „חלקת מחוקק״), ר׳ שבתי (דער ש״ך), ר׳ אהרן־שמואל קאָידענאָווער, (דער „ברכת הזבח״), ר׳ משה רבקש (דער „באר הגולה״), דער ווילנער גאון, זיין זון ר׳ אברהם, ר׳ אברהם דאַנציג (דער „חיי אדם״); אין ווילנע ווינט אַ צייט ר׳ ישראל סאַלאַנטער, דאָ זיצט צוריקגעצויגן פון דער וועלט דער „חזון איש״ און דאָ ווירקט ר׳ חיים־עוזר גראָדזענסקי. שרייבערס און געלערנטע ווי אייזיק־מאיר דיק, אד״ם הכהן, מיכה־יוסף לעבענזאָן, יהודה־לייב גאָרדאָן, יצחק־אייזיק בן יעקב, דער בעל „אוצר הספרים״ און דער צדיק הייקל לונסקי.

„דער ווילנער ייד איז אָרעם, אָבער ער פאַרמאָגט איניציאַטיוו און איז דרייסט״, שרייבט דער משכיל לייב מאַנדעלשטאַם. פון ווילנע שטאַמען די ערשטע יידישע אַרבעטער־פירער אהרן ליבערמאַן, אהרן זונדעלעוויטש, אַרקאַדי קרעמער און דער שוסטער הירש לעקערט, וואָס האָט אַוועקגעגעבן זיין לעבן פאַרן מענטשלעכן כבוד און רעכט פון יידישן אַרבעטער. דאָ ווערט געבוירן דער „בונד״ און דאָ לייגט מען דעם גרונטשטיין פון יידיש־וועלטלעכער קולטור און דערציאונג. צו די באַרימטע ישיבות קומען צו מאָדערנע מיטל־און הויך־שולן מיט דער יידישער און העברעאישער לערן־שפּראַך. דאָ ווערט אויפגעבויט דער „ייוואָ״, דער פּען־קלוב און „יונג־ווילנע״, און צו די אַלטע קומען צו נייע נעמען פון אַנגעזעענע געלערנטע, שרייבער און דיכטער: ד״ר מאַקס וויינרייך, זלמן רייזען, מאַקס עריק, משה קולבאַק, חיים גראַדע, אברהם סוצקעווער; דער סקולפּטאָר מאַרק אַנטאָקאָלסקי; דער פּיאַניסט לעאָפּאָלד גאָדאָווסקי; דער פידל־ווירטואָז יאַשאַ חפץ, און אַנגעהויבן מיטן לעגענדאַרן „ווילנער בעל־הביתל״ ווערט ווילנע אַ קאָנסערוואַטאָריע פאַר יידישע חזנים.

אין ווילנע געפינט זיך די סטראַשון־ביבליאָטעק, די רייכסטע עפנטלעכע זאַמלונג פון ספרים, וואָס מזרח־איראָפּעאישע יידן פאַרמאָגן. די דרוקעריי פון האלמנה והאחים ראָם, וואָס האָט באַזאָרגט אשכנזים, ספרדים, אַפילו קאַראַאימער, מיט ספרים און ביכער. די שענסטע ש״ס־אויסגאַבע, בבלי און ירושלמי, דער סידור „אוצר התפילות״, דער „מדרש רבה״ מיט פירושים און אַן אַ שיעור אַנדערע ספרים־אויסגאַבעס, אין וועלכע זייער אַ גרויסע צאָל גדולים, לומדים און בעל־מגיה האָבן אַריינגעלייגט זייער לעבן, געהערן צו די שענסטע מתנות וואָס ווילנע האָט געגעבן דעם פאָלק.

אין ווילנע באַגעגנט מען אויף טריט און שריט ישיבה בחורים צי מאָדערנע לערערס וואָס זיינען מקיים „פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ובתורה אתה עמל״ (ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן און וואַסער מיט אַ מעסטל זאָלסטו טרינקען און תורה זאָלסטו לערנען). מען לערנט דאָ גאַנצע טעג און מען לערנט גאַנצע נעכט. דאָ לעבן יידן, וואָס תורה לערנען איז פאַר זיי אַזוי נאַטירלעך ווי אָטעמען. און דאָ לעבן יידן וואָס זיינען עילויים אין ליבשאַפט און אין אַרויסהעלפן אַנדערע מענטשן.

און אַ חידוש זיינען נישט נאָר ווילנער יידן נאָר אויך ווילנע ווי אַ שטאָט איז אַ געשטאַלט וואָס שטראַלט מיט יידישקייט, מיט מסירת נפש, מיט ערנסטקייט; מיט אַ שיינקייט וואָס באַצויבערט נישט מיט צירונג נאָר מיט נשמה; נישט מיט באַרימעריי נאָר מיט פשטות.

„... דו ביסט אַ תהילים אויסגעלייגט פון ליים און אייזן.
אַ תפילה איז איעדער שטיין, אַ ניגון — יעדע וואַנט״.

אַזוי זינגט דער דיכטער משה קולבאַק. נאָר דער וואָס האָט זוכה געווען צו זען די יידישע ווילנע וועט פאַרשטיין דעם פולן זין פון קולבאַקס ווערטער.

די יידישע ווילנע איז געווען אַ סביבה, וואָס אירע ווענט, אירע ווינקעלעך און קעלערס האָבן געאָטעמט מיט זכרונות פון גרויסאַרטיקע מוחות, מיט דערמאָנונגען פון מסירת נפש פאַר יידישקייט, פון יראת הכבוד פאַר גאָט און מענטש, פון צדקה און השכלה. אָבער די טיפע שיינקייט פון ווילנע אַנטפּלעקט זיך באַזונדערס אין אירע אָרעמע, פּשוטע יידן, שוסטערס, טרעגערס, האָרעפּאַשניקעס בעלי מלאכות.

לדוגמא אַזאַ ליכטיקע געשטאַלט. אין מיטן 19טן י״ה לעבט אין ווילנע שימעלע קאַפּטאַן. ער שטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער משפחה נעבן ווילנע. געקומען אַהער איז ער אָרעם און עלנט, מפרנס איז ער זיך פון שוואַרצער אַרבעט אין די אָוונטן, קוועטשן טאַבאַק־בלעטער אָדער דרייען שטריק. ביי טאָג האָט ער אַן אַנדער באַשעפטיקונג: אַרומגיין „פון אַ בלאָטע אַרויס אין אַ בלאָטע אַריין״ מיט אַ פּושקע אין האַנט און קלינגען „וואָרפט אַריין אַ האַלבן גראָשן!״ און קיינער זאָגט אים נישט אָפּ. יידן טראָגן די גראָשנס אַנטקעגן. שפּעטער טרעפט מען אים אומעטום ווו עס הערשט דער דלות: ווו קינדער וויינען, ברויט! ביי אָרעמע אלמנות און געפאַלענע בעלי־בתים. אָרעמע קימפּעטאָרינס און חולאים וואָס דאַרפן רפואות און האָבן נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה. ער איז מציל יתומים פון שאַנד און פאַרזאָרגט אַז ישיבה בחורים זאָלן נישט ליידן קיין הונגער. אַ פּוילישער דיכטער האָט וועגן אים אָנגעשריבן אַ ליד „דער יידישער קוועסטאַר״ (נדבות־קלייבער) און י. ל. פּרץ האָט דאָס ליד איבערזעצט אויף יידיש. דערציילט דאָס ליד, אַז נאָך האַלבער נאַכט זיצט שימעלע קאַפּטאַן אין שענק, דעם קאָפּ געבויגן איבער אַ ספר, קייט ער זיין ביסל באָבעס. ער קוקט זיך גאָרנישט אום וואָס דער עולם לאַכט. דער עולם איז שיכור, לייט מאַכן ליצנות און זיין פּנים איז טרויעריק, זיינע אויגן בענקען. ער איז ווייט פון דאַנען, ווייט פון אַלע שענקען. זיין נשמה פליט ווייט און איר ציל איז ציון.

— וואָס האָט דיר געפירט דאָס צו טאָן? האָט מען אים אַמאָל געפרעגט. און ער האָט געענטפערט:

— שבתי קוימענקערער, וואָס האָט אַוועקגעגעבן זיין אַלטע הויז פאַר אַ ישיבה און אַליין געלעבט אויפן בוידעם און זיך געקוויקט דערמיט, וואָס ער הערט דעם קול תורה פון די קינדער.

דער שרייבער פון די שורות, וואָס האָט געלעבט אַ שטיקל צייט אין ווילנע און געווען אַ מיטגרינדער פון דער שרייבער־גרופּע „יונג־ווילנע״, האָט זוכה געווען איינצוזאַפּן אין זיך דעם טעם פון אַ שטאָט, ווו אַפילו די גרעסטע אביונים האָבן געטראָגן אין זיך איידלקייט און גייסטיקע דערהויבנקייט. די גרייטקייט צו מסירת נפש פאַר יושר און דעם כבוד פון מענטש, געירשנט פון אַ סך הייליקע דורות, האָט געטליעט אויך אין די מאָדערנע יידן. אַזויפיל וועלטלעכע יידן, וואָס האָבן געלעבט ווי צדיקים און עס אַליין ניט געוווסט!

מיט וואָס קען איך דיר פאַרגלייכן ווילנע, הייליקע יידישע קהילה? יעדער ייד — אַ בלאַט גמרא, אַ קאַפּיטל תהילים, אַ ליד פון בטחון און צער, אַ שטילער געשריי, אַ צניעותדיק געזאַנג.

און מיר האָבן ניט געוווסט, ווי גוט עס איז אונדז געווען.